שבת קודש נפשות ישראל בצל כנפיך יחסיון:

**דער הערליכער שיין פונעם שבת, פון די אַנגענעמע קעטסקילס ביז אין שטאָט אַריין**

די טעמע פון אונזער אַרטיקל איז גאָר אַן אַנדערע סאָרט נסיעה צו די מאַונטענס ווי געוועגליך. דער פאַרברענג אין די מאַונטענס וואָס מיר וועלן באַשרייבן קומט אַמאָל פאָר זומער, אַמאָל ווינטער, און אפילו הושענא רבה, אין וואָס צענדליגער מענטשן פאָרן אַרויס נישט פאַר זייער פערזענליכע פאַרוויילונג. פאַרקערט, זיי האָרעווען און אַרבעטן שווער במשך דעם וויק-ענד כדי אויפצולעבן אידישע קינדער, און גלייכצייטיג געבן מנוחה ושמחה פאַר זייערע עלטערן וועלכע בלייבן אינדערהיים זיך אַביסל אויסרוען און שעפּן פרישע כוחות – בעת זיי ווייסן אַז מען נעמט זייערע קינדערלעך אויף אַ שבתון וואו זיי שעפּן הויפענס פון פאַרגעניגען, זייענדיג אין די בעסטע אחריות'דיגסטע הענט – כדי ווען די קינדערלעך קומען אַהיים זאָל מען זיך ווייטער קענען אָפּגעבן מיט זיי, אַרויסווייזן צו זיי די העכסטע מאָס ליבליכקייט, און האָבן די פאַרלאַנגטע כוחות זיי צו באַהאַנדלען מיט די פולסטע מאָס געטריישאַפט.

די עלטערן וואָס זייערע קינדער האַלטן מיט די נסיעות, קענען שוין קוים וואַרטן נאָכאַמאָל צו ערהאַלטן דעם טעלעפאָן רוף פון העסק'ס אָפיס אַז זיי גרייטן צו נאָך אַ "נופש" פאַרברענגען, און "מיר וואָלטן זייער הנאה געהאַט אויב אייער קינד וועט זיך דאָס מאָל אויך באַטייליגן דערין." די עלטערן ווייסן שוין ווי שטאַרק די קינדער וועלן זיך פרייען צו די בשורה, אַז אָט גייט מען שוין נאָכאַמאָל געניסן פון אַ לעבעדיגן שבת.

עס זאָגט זיך אַזוי לייכט אַ טעלעפאָן רוף, און מען פאָרט צו די מאַונטענס, אָבער עס איז נישט צום גלייבן מיט וואָס אַזאַ נסיעה איז פאַרבינדן. אויסער די געוועגליכע צוגרייטונגען פון באָסעס, קעיטערינג, אַקטיוויטעטן, קאַונסלערס, מזמרים וועלכע זאָלן אונטערהאַלטן די קינדער במשך דעם שבת, א.ד.ג., קומען דאָ צו ספּעציעלע פיל שווערערע אויפגאַבעס.

מען דאַרף צושטעלן פאַר יעדעס קינד באַזונדער אַ פערזענליכן קאַונסלער וואָס זאָל זיי גוט פאַרשטיין, כדי זיי זאָלן זיך דאָס בעסטע אָפּגעבן מיט זיי. די קאַונסלערס באַגלייטן די קינדער פון ווען מען קומט אָן צום באָס אַרויסצופאָרן אויף די נסיעה, ביז ווען די קינדער קומען צוריק צו די עלטערן אַהיים פון די לעבעדיגע רייזע; פאַר די טייל קינדער וועלכע דאַרפן די ספּעציעלע ווענס פאַר וויהיל-טשעיר געברויכן, שטעלט מען צו אַז מען זאָל זיי אָפּנעמען און אָפּפירן צום פרייליכן שבת.

די קינדער וועלכע ווערן אַרויסגענומען אונטער די "נופש" פּראָגראַם קומען נישט דוקא פונעם העסק צענטער – פאַרקערט רוב קומען נישט פונעם העסק צענטער, נאָר לערנען אין אַנדערע שולעס, זיי קומען פון אַ רייע געגנטן, און געניסן פון פאַרשידענע אַנדערע פּראָגראַמען. אַ גרויסער טייל פון זיי קומען פון וויליאַמסבורג און באָראָ פּאַרק.

די עלטערן פרייען זיך צו שיקן די קינדער מיט העסק פאַרברענגען אַ שבת, ווייל זיי ווייסן אַז זייערע קינדער געפינען זיך אין די בעסטע הענט, בעסער געזאָגט: ביי די בעסטע הערצער.
אונטערצושטרייכן די געטריישאַפט פון העס"ק צו די געסט, דערציילט אַ באַגלייטער פון אַ קינד מיט שטוינונג ווי וואַרים די קינדער ווערן אויפגענומען דורך די העס"ק קאַונסלערס און פירער וועלכע וואַרטן זיי אָפּ. זיי קענען יעדן ביים נאָמען, און ווייסן פונקטליך וואו יעדעס קינד געהערט.
דאָס דעמאָנסטרירט די נאָנטשאַפט און געטריישאַפט פון די העסק מיטגלידער צו די קינדער, אַזוי ווייט אַז אפילו די וואָס זענען בלויז צו גאסט במשך די שבתים קען מען אויך יעדן פערזענליך און מען איז באַקאַנט מיט יעדן'ס געברויכן און אייגנשאַפטן.

אַזוי ווי די קינדער האָבן דאָך ספּעציעלע געברויכן, און בכלל דאַרף מען האָבן דעם געפיל ווי אַזוי אומצוגיין מיט זיי, זענען אַלע קאַונסלערס ערפאַרענע העסק צענטער אָדער העסק קעמפּ קאַונסלערס, וואָס קענען די נויטיגע זאַכן זיך צו קענען אָפּגעבן מיט די קאָנסומערס, וואָס אַ טייל פון זיי זיצן אין וויהיל-טשעירס, און נויטיגן זיך אין ספּעציעלע הילף צו עסן דורך טיוב-פידינג, אָדער

אַנדערע מעדיצינישע געברויכן; ווי אויך קומט מיט אַ ספּעציעל נוירס, צו זיין גרייט אויפן אָרט פאַר הילף אין וואָס מ'קען זיך נויטיגן.

די אַלע שווערע אַראַנזשירונגען פאַרנעמען נישט קיין אָרט און ווער נישט אָפּשטעלן דעם העס"ק צענטער פון צושטעלן אָט די שבתים, וויסנדיג אַז דורך דעם אויספלוג וועלן די באַטייליגטע געניסן פון אַ ריכטיגן "שבת נועם הנשמות, והשביעי עונג הרוחות ועדן הנפשות!" עס וועט אַריינגיסן זיסקייט אין אידישע זעלן, פאַרגעניגען און זייער גייסט, און עס וועט אויפלעבן זייער נפש.

צומאָל פאָרט מען אינעם וועלט באַרימטן "קעמפּ העס"ק" ווי גאָר אַסאַך פון די קינדער פאַרברענגען במשך דעם זומער, און עס איז די פּראַקטישסטע אַראַנזשירט פאַר די קינדער צו פאַרברענגען אַ שבת, אָבער אויך ווען דער טעמפּעראַטור ערלויבט נישט צו נוצן דעם קעמפּ, וועט דער געפרווירענער גראַד נישט שטערן די וואַרימע הערצער פון צושטעלן אָט די וואַרימע שבתים וואָס צינדט אָן און לייכט אויף אידישע נשמות. אין אַזאַ פאַל נעמט מען אַרויס אַ האָטעל אין די מאַונטענס אָדער אין אַנדערע שיינע ערטער, אין ניו יאָרק און אין אַנדערע געגנטן, פאַר דעם צוועק.

די פּראָגראַם הייבט זיך שוין אָפּט אָן בעפאָר שבת. צומאָל ציעט מען אויס די נסיעה פון דאָנערשטאָג ביז זונטאָג, כדי די קינדער זאָלן קענען געניסן פון נאָך עטליכע טעג לעבעדיגע אַקטיוויטעטן, בעת די עלטערן וועלן קענען אָנשעפּן נאָך פרישע כוחות, מיט אַ רואיג געוויסן און מיט אַ צופרידן געמיט, פאָרשטעלנדיג זיך ווי אַזוי זייערע קינדער שיינען פאַר פרייד פון די ספּעציעל לעבעדיגע אַקטיוויטעטן, וואָס העס"ק האָט שוין וואָכן פריער פלאַנירט און אַראַנזשירט כדי עס זאָל ברענגן דעם געוואונטשענעם ציל אויפצולעבן די קינדער.

נישט בלויז שבתים געבן די העס"ק איינגעשטעלטע אַוועק פאַר די קינדער, נאָר אַזעלכע פאַרברענגען ווערן צוגעשטעלט אַפילו במשך ימים טובים און די פרייליכסטע טעג פון יאָר, ווען מענטשן טראָגן זייערע פיצלעך און שול און זענען פאַרנומען מיט זייערע קינדער. אין די

געהויבנסטע, פרייליכסטע זמנים זענען העס"ק אָנגעשטעלטע פאַרנומען מיט זייערע משפחה: די העסק קינדער.

די "נופש" נסיעות ווערן שוין פלאַנירט וואָכן פריער און אָנגעגרייט דורך העסק מיט אַלע פיטשיוויקעס, אויסצונוצן די טעג מחיה צו זיין די קינדער און אַריינגיסן און זיי לעבעדיקייט אויפן בעסטן פאַרנעם. דאָנערשטאָג גייען זיי אָפט אויף ספּעציעלע לעבעדיגע אַקטיוויטעטן, ווי פאָרן מיט פערד, זיך גליטשן, און אַנדערע לעבעדיגע שפּילן וועלכע לעבן זיי אויף, און עס ברענגט אין זיי אַריין אַ צופרידענעם געפיל אַז אויך זיי לעבן ווי יעדן און געניסן פון אַ גוטן טאָג.

דער שבת קודש איז דאָך שוין אָפּגערעדט אַז עס ווערט צוגעגרייט מיט אַ רייכע לעבעדיגע פּראָגראַם. מען ברענגט אַרויס אַ קעיטערער וועלכע רעכט צו אַ סעודה כיד המלך, האָבנדיג אינזינען צו צוגרייטן עסן וועלכע וועלן זיין צום ספּעציעלן געשמאַק און אַפּעטיט פאַר די קינדער. די תפלות ווערן אָפּגעראָכטן ברוב פאר הדר, ווי אויך ביי די טישן זינגען די באַטייליגטע מיט די וואַרימע זמירות לשבת קודש. די באַטייליגטע שעפּן פאַרגעניגען און חיות פון די הערליכע תפלות, זמירות און שיינע לעבעדיגע ניגונים. במשך דעם שבת שטעלט מען צו נאָך אינטרעסאַנטע אונטערהאַלטונגען צום פאַרגעניגען פון די באַטייליגטע.

ספּעציעלע אונטערהאַלטער און משמחים ווערן אַרויסגעברענגט צו די סעודת מלוה דמלכה, ווען מען שפּילט, זינגט און טאַנצט מיט די קינדער, וועלכע לעבן אויף אַלע באַקן. ווי אויך טראָגט מען זיי אָפּט צו אַנדערע ערטער מיטצוהאַלטן און צו צוזען לעבעדיגע אַקטיוויטעטן.

במשך די רייזע וועלן די קאַונסלערס אויך רופן די עלטערן – ביים אָנקומען, שבת בעפאָר'ן זמן, צופרי, און אין נאָך געלעגנהייטן, זיי צו געבן אַ באַריכט איבער ווי אַזוי זייערע קינדער זענען אָנגעקומען און פאַרברענגן, כדי זיי זאָלן רואיג אויף זייער קינד'ס מצב, און אויך שעפּן תענוג, און מיטהאַלטן ווי זייערע קינדער האָבן אַ אַ שמחת החיים.

ווען די עלטערן זיצן שבת ביים טיש, און פאַרברענגן מיט די איבריגע זיסע קינדערלעך, פאַרשווימען זייערע מחשבות צו די ווייטע קעטסקיל בערג. זיי טראַכטן ווי אַנגענעם עס איז געווען די רייזע, ווי פרייליך זייער קינדער געווען ביים אָנקומען אַהין, און שטעלן זיך פאָר ווי לעבעדיג זייערע קינדער פאַרברענגן דעם שבת אינאיינעם. זייער האַרץ לעבט אויף און שפּרודעלט פון פרייד פון זיך אָפּמאָלן דאָס בילד ווי זייערע קינדער שעפּן הויפענס חיזוק און סיפוק החיים, און פילן אַז זיי קענען געהעריג מיטהאַלטן די פולע פּראָגראַם און אויך געניסן פון אַ פרייליכן, זיסן שבת.

אָט די שבתים זענען אַ מוסטער פון העסק'ס צוגאַנג און איבערגעגעבנקייט צו די קינדער. מען שטעלט זיך אַריין אין זייער מצב, און מען פאַרשטייט וואָס זיי ברויכן דאָס מערסטע, אַ שבת וואו זיי זאָלן זיך שפּירן צוגלייכן מיט יעדן. מיטהאַלטן דאָס דאַווענען, סעודות, זינגען, און פאַרוויילונגען, און פאַרברענגן אינאיינעם, און זיך אויסגעבן זייערע געפילן.

אונטער די פליגלען פונעם שבת קודש אינעם העסק מוסד שפּירן זיי אַ פאַרגעניגען, לעבעדיקייט, אַ וואַרימע ליבליכקייט, און זיי שפּירן זיך אַלס אַ טייל פונעם כלל ישראל וועלכע האַלטן אויך מיט אַ געהעריגן שבת. בעת די עלטערן האָבן אַ שמחה'דיגע מנוחה, דורך דעם וואָס זיי ווייסן אַז בשעת זיי שעפּן אָן פרישע כוחות, לעבן זייערע קינדער אויף אַלע באַקן אין די ווייטע קעטסקילס בערק, אין אַ פאַרק, האָטעל אָדער ביי אַן אַנדערע פאַרוויילונג וואָס העס"ק שטעלט זיי צו. דאָס ברענגט טאַקע די ריכטיגע מנוחה ושמחה, און אַן אור ליהודים וואָס שיינט אַריין אַ ליכטיקייט אין די קינדער און זייער שטיבער.